בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ב פ' בלק | ב' תמוז | תשע"א | פסחים: ע"א:

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן נאכמיטאג האט מרן רבינו שליט"א געריידט דורך א הוק אפ צו די מסיבה אין לאנדאן לטובת די תלמוד תורה, בבית הרה"ח מוה"ר יושע וויינבערגער הי"ו חבר הנהלת הת"ת.

נעכטן נאכט איז כ"ק הגה"צ גאב"ד מעלבורן שליט"א געקומען אויף א באזוך צו מרן רבינו שליט"א ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער שמועס בדברי תורה.

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ג', פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יעקב פנחס שעהר הי"ו פון קרית יואל.

אין די נאכמיטאג שעה'ן איז דער רבי שליט"א געגאנגען אויף מאנסי ווי דער רבי שליט"א האט מנחם אבל געווען ש"ב הגה"צ ר' העניך טייטלבוים שליט"א מ'סאסוב מאנסי אויף די פטירה פון זיין רבעיצין ע"ה די טאכטער פון יבלח"ט הרה"ג ר' אלי' יושע געלדצעהלער שליט"א נשיא ישיבת אור ישראל.

דערנאך איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ישיבה קטנה קנין תורה ווי דער רבי שליט"א האט ארומשפאצירט צווישן די תלמידי הישיבה בשעת'ן לערנען, און דערנאך האט דער רבי שליט"א געדאווענט מנחה אין די ישיבה.

נאך מנחה איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים ווי עס האבן אויפגעטרעטן הגה"צ אבד"ק דקהלתינו שליט"א דערנאך האט אויפגעטרעטן הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א און דאן האט דער רבי שליט"א משיע געווען דברות קודש פאר די בחורים.

## דרשת הסברה אין מבצר הכוללים אין קרית יואל

היינט נאכמיטאג איז אין היכל מבצר הכוללים אין קרית יואל פאהרגעקומען א "דרשת הסברה" ווי די רבני ואברכי הכולל האבן געהערט דרשות איבער'ן שווערער מצב אין וועלכע מוסדותינו הק' אין ארה"ק טוען זיך געפונען.

צום ערשט האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' עמרם כהן שליט"א וועלכער האט ארויסגעברענגט דאס התחייבות וואס א סאטמארער חסיד ברויך האבן פאר די מוסדות פון ארץ ישראל, און די חיוב וואס ליגט אויף יעדן זיי צו העלפן אלס עניי ארץ ישראל.

דאן האט ר' עמרם שליט"א אויסגערופן דעם ספעציעלן גאסט פון ארץ ישראל הר"ר יצחק בראן שליט"א מנהל רוחני וחבר הנהלת המוסדות וועלכער האט ארויסגעברענגט דעם שווערן מצב פון די מוסדות און געבעטן די אינגעלייט צו שפירן ברידערשאפט און העלפן די מוסדות וואס געפונען זיך אין אזא שווערע מצב .

דער מנהל שליט"א האט ארויסגעברענגט די שאלה וואס אסאך פרעגן, אז עס איז דאך אלעמען באקאנט אז מען האט דעם פאראגאנגענעם יו"ט פסח העעל"ט –א דאנק די שווערע שתדלנות פון הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו און מיט די שטארקע הילף און שטיצע פון אחינו לדעה תושבי חוץ לארץ – באצאהלט אינגאנצן די כלי קודש אויף ביז פסח העעל"ט, - מיט דעם אלעם – האט דער מנהל מסביר געווען, ווילאנג מען וועט נישט ערזעצן דעם לאך וואס איז געשאפן געווארן פון נישט ארייגבאקומען די געלט פון די ביז איצטיגע הכנסות , וועט מען בלייבן אינעם זעלבן שווערן מצב און ממילא דארף מען ווייטער כסדר צוקומען צו די אנגעשטרענגטע שטיצע פון אנשי שלומינו פון דאהי.

עס איז צום האפן אז די רעזולטאטן פון די ווארעמע אספיה וועט נישט שפעטיגן צו קומען, און אנשי שלומינו תושבי קרית יואל וועלן זיך אי"ה ווארעם אנרופן צו די איצטיגע אקציע אין קרית יואל.

## געלעגנהייט אפצוקויפן פערמענאנטע זכותים אין דעם בנין התלמוד תורה אין וויליאמסבורג

אין די טעג, ווען עס ווערן פאארענדיגט די לעצטע שטאפעלן פון די ניי צוגעבויטע חדרים אינעם גיגענטישן בנין הת"ת אין וויליאמסבורג, האט די הנהלת המוסדות פראקלאמירט א געלעגנהייט ווי מען קען אצינד אפצוקויפן פערמענאנטע זכותים אין דעם בנין התלמוד תורה צו מנציח זיין די נשמות פון עלטערן און קרובים לעד ולנצח.

ווער עס וויל נאך ארייכאפן די געלעגנהייט צו קויפן א "זכות החלון" ביי איינע פון די נייע קלאסן קען זיך מעלדן צו העסקן ר' נתנאל ברוין הי"ו אדער צו העסקן ר' שלמה דוב ווידער הי"ו. אויף 718-797-2888 #330
ווער עס וויל מנדב זיין דעם זכות פון די געציילטע פארבליבענע כיתות קען זיך מעלדן צו מו"ה דוד הערש מערץ הי"ו און ר' לוי יצחק לעווי הי"ו אויף 7187972888 #254

*- השלם זה הבנין-*

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוציין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוציין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוציין**
**מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**